LIVING TORAH

# פרשת וישלח

## בס״ד. משיחת י״ט כסלו ה׳תשמ״ה

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

דער איינפאכער אפטייטש און אינהאלט פון גאולה,

און דער ענין פון גאולה, איז דאָך דער אפטייטש אין לשון הקודש אַז ס׳ווערט אויסגעלייזט, וואָס דאָס גופא באווייזט אַז ס׳איז דאָ אַ זאך וואָס געפינט זיך שלא במקומה, און מ׳דארף איר אויסלייזן, און די פעולה לייזט איר אויס און קערט איר אום למקומה, וואָס דעמאלט איז זי ווי זי דארף צו זיין, היפך הגלות,

און אין דערויף גופא איז דאָך יעדער ענין אין לשון הקודש בדיוק, על אחת כמה וכמה די שמות בלשון הקודש, איז דער היפך פון גאולה האָט זיך אויך אַ נאמען אין לשון הקודש, וואָס דאָס איז גולה,

וואָס גולה אונטערשטרייכט אַז אַ זאך איז פארוואגעלט געווארן – אוועקגענומען געווארן פון דעם ארט פון וועלכע זי געהערט, און געפינט זיך במקום (שלא) וואָס איז ניט איר ארט,

און דער נאמען אליין אונטערשטרייכט – אין וואָס באשטייט גאולה, דורך דערויף אַז מ׳נעמט דעם מעמד ומצב פון גולה, און מ׳שטעלט אריין אַן ״אל״ף״, אינעווייניק, אט דעמאלט ווערט דער ענין פון גולה ווערט דאָס אַן ענין של גאולה.

טייטשט אפ דער גמרא – וואָס איז דער ענין פון אל״ף? אַז אל״ף באווייזט אויף ״אלופו של עולם״. דער עצם ענין פון אחד, פון דער ערשטע זאך, וואָס דאָס איז דאָך דער ענין פון אל״ף אין אל״ף בי״ת, איז דאָך דאס דער ערשטער אות,

אזוי איז אויך: ווער איז דער ״מצוי ראשון לכל הנמצאים״ און ווער איז די התחלה און די אנהויב פון אלע ענינים פונקט ווי דער אל״ף איז די התחלה פון דעם גאנצען ״אל״ף בי״ת״ פון וועלכע עס שטעלט זיך צוזאמען (די שמ) אלע שמות און יעדען שם,

איז בשעת מ׳נעמט דעם אויבערשטן, און מ׳שטעלט אים אריין אין גלות, אין גולה, אפילו נאך פאר דער צייט ווען ער שטייט בתחילת התיבה, נאך אין זמן פון גולה, אבער ס׳ווערט אַן אות באמצע התיבה, און ס׳ווערט אַן אות בגלוי פונקט ווי מ׳זעט דעם אות אל״ף בגאולה ווי די אנדערע אותיות פון (די) דער ווארט, און דאָס איז ניט סתם נאך אַן אות – נאר אַן אות וואָס איז מהפך דעם גאנצען אינהאלט פון די אותיות וואָס זיינען געווען איידער מ׳האט עם אריינגעשטעלט,

אזוי איז אויך אַז מ׳נעמט די זמן פון גלות, און מ׳שטעלט אריין אינעווייניק אבער אין אַ אופן גלוי, דעם אלופו של עולם, דעם ענין פון ג-טלכקייט, איז נאך איידער ס׳קומט די גאולה האמיתית והשלימה

איז שוין אט דעמאלט איז נאך אין מעמד ומצד פון גולה, שטעלט ער אריין על ידי מעשינו ועבודתינו, דורך זיין טאג טעגליכן לעבן, שטעלט ער אריין ג-טלכקייט אין מיטן, פון אלע זיינע פעולות: סיי ״בפיך״ און סיי



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת וישלח

"בלבבך" און סיי "לעשותו", אט דעמאלט לייזט ער אויס זיך, און לייזט אויס אט די אלע עניינים אין וועלכע ער איז עוסק אדער מדבר אדער מחַשֵב,

לייזט אויך אויס אט די אויף וועלכע ער איז משפיע אַז ממנו יראו וכן יעשו – אַז זיי זאלן זיך אויך אזוי פירן, אַז ביי זיי זאל אויך קומען די גאולה פרטית,

און בשעת ס'לייגן זיך צוזאמען כמה וכמה גאולה פרטית ווערט דאך דעמאלט דער דין און הלכה פסוקה אַז הולכין אחר הרוב,

בפרט נאך לויט'ן פסק דין פון רמב"ם, אַז לעולם – וואָס פאר אַ מעמד ומצב וזמן ומקום ער זאל ניט זיין – איז אַ חיוב אויף אַ אידן ער זאל זען "עצמו שקול וכל העולם כולו שקול", במילא קאן ער מכריע זיין, דורך איין און איינציקער מעשה אדער דיבור אדער מחשבה שלו,

ניט ווי דער יצר וויל איינריידן אַז וואָס איז אזוי וויכטיג אַז איין און איינציקער מענטש, און דאָך "ידע אינש בנפשיה" זיין מעמד ומצב, צי וועט ער זיך אויסהיטן מיט אַ ווארט, אדער אויסהיטן זיך אפילו מיט אַ מעשה, על אחת כמה וכמה וואָס איז תופס מקום זיינע אַ מחשבה – פסקנ'ט דער רמב"ם אלס אַ פסק דין, אַז דאָס קען מכריע זיין עצמו וכל העולם כולו, און ברענגען הצלה וישועה.

און אין וואָס באשטייט דאס די נקודה שבדבר? באשטייט אין דערויף אויף ארײנשטעלן אלופו של עולם בכל פעולה שלו.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.